# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

99

1576315

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובֿדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיב
1979

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# דאָס שטילע וואָרט

ווען אין בודקע־פֿענצטערל האָט זיך באַוויזן אַ גרין־אַשיקער פֿירעק פֿון אַ נײַעם טאָגאויפֿשפּראָץ, איז ער אַראָפּ פֿון די הענגלברעטער וואָס ער האָט דאָ אײַנגעאָרדנט ווי אַ געלעגער. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן מיט אָפֿענע אויגן. איצט איז ער צו צום איבערגעקערטן מאַראַנצן־קאַסטן, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ טיש. פֿאַר זײַנע אויגן, אויף דער בודקעוואַנט, איז געהאַנגען דער גרויסער חודשדיקער קאַלענדאַר פֿון דער פּרדס־געזעלשאַפֿט. ער האָט געקוקט: אַ נײַער טאָג!

אויפֿן טישקאַסטן איז געלעגן דער שטויס אָנגעשריבענע בלעטער. ער האָט געפֿילט דעם אויפֿגייענדיקן ווייטיק אין די אויגן, בשעת ער האָט געקוקט אויף די בלעטער. הײַנט וועט ער זיי פֿאַרברענען. הײַנט. פֿרימאָרגן. באַלד ווי די זון אין דרויסן וועט אָנצינדן די שורות חושחש־ביימער פֿון פּרדס.

מיט אַ מאָל האָט זיך זײַן האַנט אויסגעשטרעקט צום האָלצשפּאָן, אים אײַנגעטונקט אין דער פּושקע שמירעכץ מיט וועלכע ער באַשמירט ווײַסע ביימערווונדן, נאָכן אָפּ־שנײַדן פֿון זיי אָפּגעטריקנטע צווײַגן. און, ווי יעדער פֿרימאָרגן, געמאַכט אַן איקסצייכן מיט דער שוואַרצער זאַפּאַזאַל־פֿאַרב איבערן טאָג און איבער דער נאַכט וואָס זענען געוואָרן פֿון אים אָפּגעשניטן. צוויי און פֿופֿציק אַזעלכע איקסן האָט ער ביז איצטער שוין געמאַכט. הײַנט זעט ער זיי אַנדערש ווי יעדן פֿרימאָרגן. ווי אַ שוואַרצע קבֿרים־קאָלאָנע גייען זיי נאָך הינטער אים. טאָג בײַ טאָג. נאַכט בײַ נאַכט. זיי ציִען זיך פֿון די הינטערשטע קאַלענדאַר־בלעטער. איצט גייען זיי אויף צו אים ווי פֿון אַ נישט דאָ געדאַכטן תּהומישן האָריזאָנט.

צוויי און פֿופֿציק טעג. צוויי און פֿופֿציק נעכט. די טרייסט וואָס ער האָט געמיינט צו געפֿינען צווישן די אָנגעשריבענע בלעטער גייט ער איצט ברענגען אויפֿן שײַטער. קיין שום מלאך וועט נישט אויסשטרעקן צו אים די האַנט. קיין שום נס וועט נישט געשען. צי וועט ער דערנאָך האָבן כּוח אָנצוהייבן פֿון דאָס נײַ? צי וועט ער בעתן קומענדיקן מאָל יאָ מצליח זײַן?

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו די אָנגעשריבענע בלעטער. ער האָט געקוקט צו די אָנגעשריבענע שורות: ווערטער, ווערטער. קאַלטע, ליידיקע ווערטער. ווו איז דער גלי̇ענדיקער בראַנד פֿון שטומען קאַלטן אַש אויף דער קופּע לעבן דער קרעמאַטאָריע? ליידיקע שורות. טויטע ווערטער. ווו זענען די פֿאַרשטומטע געשרייען פֿון אויפֿגעריסענע אויגן הינטער הערמעטיש פֿאַרמאַכטער גאַזקאַמער־טיר?

ער האָט פֿון זיך אַ שלײַדער געטאָן דעם שטויס בלעטער צו דער ערד. ער האָט געקוקט אַרום זיך. זײַנע ליפּן האָבן געפּרעפּלט: אוישוויץ! וווּאַהין זאָל איך פֿון דיר אַנטלויפֿן?!

ער האָט געוווּסט: כּל־זמן די אָנגעשריבענע בלעטער וועלן זײַן פֿאַר זײַנע אויגן, כּל־זמן זיי וועלן עקסיסטירן, וועט ער נישט קאָנען פּרוּוון אָנהייבן פֿון דאָס נײַ. ער האָט אַראָפּגעקניט צו דער ערד. צוזאַמענגעקליבן די בלעטער. געעפֿנט די בודקעטיר און מיט זיי אַרויס פֿון דער פֿאַרשלאָסנקייט.

דער נײַער טאָג איז געלעגן אויף די ביימערקרוינען. ווײַסע גלאַנציקע גרייפּפּרוכטן האָבן אַרויסגעלויכטן פֿון צווישן גרינע בלעטער ווי אָנגעצונדענע מילכלעמפּלעך. ער איז געגאַנגען מיטן וועג וואָס שנײַדט אַדורך דעם פּרדס פֿון טויער ביז טויער. ער איז אַרײַן צווישן די שורות קלעמענטין-ביימער וואָס פֿירט צו דער גרינצײַג-פּלאַנטאַציע וואָס ער האָט דאָ פֿאַרפּלאַנצט פֿאַר זײַן חיונה בעתן זײַן אָפּגעשניטן פֿון אַ מענטשלעכן יישובֿ. פֿון דער דערלעבנדיקער שאַקאַלן-הייל האָט די שאַקאַל-מוטער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ מיט פֿאַרוווּנדערטע טריבע אויגן: וואָהין גייט איצט אונדזער גוטער שפּײַזער פֿון דער בודקע אַזוי פֿרי? הײַנט זענען דאָך נישט די טעג פֿון באַוואַסערן דעם פּרדס, מען דאַרף נישט עפֿענען אָדער פֿאַרמאַכן די וואַסערקראַנען און פֿאַר וואָס איז דאָס פּנים זײַנס אַזוי טרויעריק? פֿאַר וואָס קוקט ער הײַנט אַפֿילו נישט צו אונדז?

ער איז אַרויס פֿון צווישן די ביימער. די גומי-שטיוול אויף זײַנע פֿיס האָבן געגלאַנצט ביזקל די קני פֿון דעם פֿולן טוי וואָס אויף די הויך-אָנגעוואַקסענע גראָזן. ער האָט געוווּסט, אַז לעצטנס האָט ער לגמרי פֿאַרוואָרלאָזט דאָס שנײַדן די ווילדגראָזן. אויף אַ סך ערטער דערגרייכן די פּאַראַזיטן ביז צום האַלדז. צוויי און פֿופֿציק פֿאַרוואָרלאָזטע טעג און נעכט טראָגט ער איצט אין זײַנע הענט, שפּאַנענדיק אַן איינזאַמער, אין אַ פֿאַרלעגענעם פּרדס, ערגעץ ווײַט פֿון אַ מענטשלעכן יישובֿ.

ער האָט גענומען פֿון די שטיינער פֿון אָרט. גרענעצשטיינער צווישן זײַנע אַלערליי פֿאַרזייטע גרינצײַגן. ער האָט זיי אויסגעשטעלט ווי אַ שײַטער. ווײַט פֿון פּרוכטביימער. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט דערלעבן אויף דער ערד. די בלעטער אויף זײַן שויס. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט מיט אַ ברענענדיק שוועבעלע צו די ערשטע בלעטער אויפֿן שײַטער.

קראַמפּנדיק, באַלעטיש, האָבן די בלעטער זיך בייגעוודיק געוויקלט אין פֿײַער. נאָכן אויסברענען זייער פֿליישיקע פּאַפּיר-ווײַסקייט זענען די פֿאַרשריבענע אותיות אַרויס אויף די פֿאַרברענטע אַשבויגנס ווי אויף אַ נעגאַטיוו. זיי האָבן צו אים צוריקגעקוקט. זײַנע אותיות. ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט זיך פֿון אים צעשיידן. זיי זענען איצט פֿאַרגליווערטע עדות פֿון זײַנע טעג און נעכט. זיי האָבן צו אים געקוקט מיט אַ שאלה.

איינציקווײַז האָט ער געלייגט פֿון זײַן שויס בלאַט נאָך בלאַט. בלאַט נאָך בלאַט. שוואַרצע פֿאַרברענטע פֿליטערלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון שײַטער. געפֿלויגן אין דער הייך. שוואַרצער אַש. ווײַסער אַש. אותיות. אותיות. נשמות פֿון טרערן. זוכן אַ תּיקון. פֿליִען צו הייכן. שפּרייטן זיך אין דער לופֿט. אַש. אַש. וואָהין פֿליִען די אותיות?

אַזוי האָבן געברענט זייערע לײַבער אין אוישוויץ. ווו פֿליִען אַרום זייערע נישט-געלעבטע לעבנס? איצט האָט ער געוווּסט אויף דער וואָר: כּל-זמן זײַנע אותיות וועלן זיך נישט באַהעפֿטן מיט די אַרומפֿליִענדיקע פֿאַרברענטע לעבנס און זיי נישט געבן אַ תּיקון, וועט ער פֿאַרברענען דאָס פּאַפּיר אונטער זיי.

ער האָט געקוקט אויף די לעצטע בלעטער אויף זײַן שויס. ער האָט זיי אויסגעשטרעקט צום פֿײַער. די פֿינגער פֿון זײַנע הענט האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן ווי אין אַ תּפֿילה: גאָט דערבאַרעמדיקער! שענק מיר דאָס שטילע אויפֿשוידערנדיקע וואָרט. אַזוי שטיל ווי דער שטילער צער אין זייערע אויגן, בשעת זיי זענען געשטאַנען אין דער ריי צו דער קרעמאַטאָריע.